# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע
'השגחה פרטית'
מעשיות פון
היינטיגע צייטן -
דערציילט אויף
**דער**
**השגחה פרטית**
**האטליין**

פרשת עקב תשפ"ו × **עלון 201**

## בהשגחה

## וואס טוט מען ווען א כוואליע קומט אנטקעגן?

ס'זענען דא צוויי וועגן וויאזוי צו האנדלען מיט א הויכע כוואליע אינמיטן ים. איין וועג איז צו פשוט מלחמה האלטן מיט די כוואליע, און די צווייטע וועג איז צו בייגן דעם קאפ.

ווען א מענטש פראבירט זיך צו שלאגן מיט א כוואליע, אמאל קלאפט אים די כוואליע אראפ, און אמאל איז ער מצליח עס בייצוקומען. אזוי צי אזוי, קומט ער ארויס אינגאנצן פארמאטערט.

אין קאנטראסט, די צווייטע וועג –זיך צו בייגן דעם קאפ – דאס ארבעט אלעמאל און עס פארנוצט נישט דעם מענטשנ'ס כוחות. אויף דעם אופן קען ער ווייטער בלייבן לעבן אינעם ים.

רבן גמליאל האט דערציילט (יבמות קכ"א ע"א) אז ער האט געזען ווי די שיף פון רבי עקיבא האט זיך צובראכן אינמיטן ים. ער איז געווען זייער באזארגט וואס ס'האט פאסירט מיט רבי עקיבא'ן. נאכדעם וואס ער איז ארויס פונעם ים, האט ער צו זיין גרויסע איבערראשונג געזען רבי עקיבא לעבעדיג און געזונט.

האט רבן גמליאל אים געפרעגט: "ווער האט דיך געראטעוועט?"

האט רבי עקיבא געענטפערט: "איך האב געטראפן א ברעט, און איך בין ארויפגעקראכן דערויף. יעדעס מאל וואס א כוואליע איז אנגעקומען, האב איך זיך געבויגן מיין קאפ פאר איר. אזוי ארום האט מיך דער ים נישט איינגעשלונגען, נאר עס האט מיך צוגעפירט ביזן ברעג."

מיט די דאזיגע ווערטער האט רבי עקיבא אנטפלעקט די סוד פון זיין לעבן, און די סוד פאר א גוט לעבן פאר יעדן איד: אמאל איז עס דווקא דאס בייגן דעם קאפ און זיך אונטערגעבן וואס ראטעוועט דאס לעבן.

יעדער מענטש גייט אדורך נסיונות און שוועריגקייטן. אמאל כאפט אים א שטארקע חשק זיך צו שלאגן, צו פראבירן מיט אלע כוחות צו טון דאס וואס עס קוקט אים אויס ריכטיג.

רבי עקיבא האט אונז געלערנט אן אנדערן וועג. די לאמפ איז פארלאשן געווארן? דער אייזל און דער האן זענען פארשווואונדן? ער האט געבויגן די קאפ, זיך געזעצט אין די פינסטער, און געזאגט: "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" – אלעס וואס דער באשעפער טוט איז צום גוטן.

ווען א מענטש ווייסט וויאזוי זיך צו בייגן דעם קאפ, קען ער אדורכגיין אפילו שטורמישע ימ'ען. דער ים שלינגט אים נישט איין; פארקערט, די כוואליעס אליין העלפן אים גאר אנצוקומען צום ברעג – און ער ווערט געראטעוועט.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### הזן ומפרנס - יעדן טאג אויף דאס ניי

**א ריכטיגע אוצר איז אריינגעשמוגלט געווארן צו די הייליגע הענט פונעם סאטמארער רב זי"ע אין די שרעקליכע בערגן-בעלזן לאגער: א פרישע שטיקל ברויט. אבער דער רבי האט אפגעזאגט דעם זעלטענעם אוצר...**

ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, איז פלוצלינג איבערגעריסן געווארן די רואיגקייט אין אונגארן. זונטאג, כ"ד אדר תש"ד, האבן צענדליגער טאנקען באפאלן דעם אונגארישן באדן און אנגעהויבן מארשירן אין די גאסן פון די הויפטשטאט בודאפעסט. די שווערע קולות זענען געווארן אלס שטערקער, אויפטרייסלענדיג די ערד און די הערצער פון די אומגליקליכע אידן אין אונגארן, וואס האבן גוט פארשטאנען אז א שרעקליכע סכנה לויערט אויף זייערע קעפ.

אין בלויז עטליכע טעג זענען די לעבנס פון צענדליגער טויזנטער אונגארישע אידן פארוואנדלט געווארן אין א גיהנום פון ליידן און שרעקליכע רדיפות. אנהייב חודש ניסן זענען זיי פארטריבן געווארן און צונויפגעשטופט געווארן אין ענגע געטאס. טויזנטער אידן זענען דעמאלטס געווען אין אונגארן, אסאך פון זיי פליטים וואס זענען אנטלאפן פון די נאצי-קאנטראלירטע שטחים. יעצט זענען זיי אלע אכזריות'דיג אריינגעשטופט געווארן אין קליינע געגנטער, וואו ס'האט געהערשט א שרעקליכע ענגשאפט און נויט. ס'איז געווארן א גרויסע מאנגל אין עסן און וואסער, און מחלות האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן זייער שנעל.

אין די געטא פון שטאט סאטמאר, האט זיך דאן אויפגעהאלטן דער סאטמארער רב זי"ע. וויסנדיג אז די רשעים זוכן בעיקר די רבנים, האט ער זיך די גאנצע צייט אויסבאהאלטן און נאר געציילטע מקורבים האבן געמעגט וויסן וואו ער געפינט זיך.

איין טאג איז דער רבי ארויס אויף אן אנטלויף-רייזע זיך צו ראטעווען פון די רשעים, און ער האט פארלאזט די שטאט באהאלטענערהייט מיטן פלאן צו זיך אריבערשמוגלען די גרעניץ; אבער די השגחה העליונה האט אנדערש געוואלט, און דער רבי איז געכאפט געווארן אין קלויזענבורג און בלויז מיט גרויס חסדי ה' איז ער באפרייט געווארן, בלייבנדיג געשטראנדעט אין קלויזנבורג.

א שטיק צייט שפעטער האט זיך געמאכט א גאנצע באן וואס די דייטשן זענען געווען גרייט ארויסצולאזן פאר שווערע געלטער, און אויף דעם באן האט דער רבי אויך געפלאנט צו אנטלויפן. למעשה, האבן זיי נישט באקומען די געלטער אין אפגע'שמועס'טן צייט, און די גאנצע טראנספארט איז אפגעפירט געווארן צום לאגער בערגן בעלזן, פאר ביז ווען זיי באקומען זייער געלט. זיי זענען דארט געווען פאר לאנגע חדשים, און אפילו ווען חרב חדה איז געווען מונחת על צווארו, האט ער נישט נאכגעלאזט פון זיינע הייליגע וועגן און חומרות.

בחסדי השם איז די צושטאנד אין לאגער פאר די באטייליגטע אינעם טראנספארט געווען פיל בעסער ווי אלע צוואנגס ארבעטער. זיי האבן נישט געדארפט ארבעטן שווערע ארבעט, און נאך עטליכע דערלייכטערונגען. אבער דער צדיק איז אלץ געווען אין א גרויסע סכנה אונטער די אויגן פון די רשעים.

<<<

דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.
ווילט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## באשטעטיגט די אפעראציע

**דערציילט דורך ש. ראבינאוויטש פון ירושלים:**

אונזער טאכטער איז געבוירן געווארן בשעה טובה מיט א פעלער אין איר פוס. מיר זענען געווארן דערשראקן, אבער נאכדעם וואס מען האט אונז מסביר געווען די משמעות פונעם פראבלעם, איז אונז קלאר געווארן אז ס'איז נישט אזוי געפערליך. די מיידל וועט נאר דארפן דורכגיין פיר אפעראציעס אין לאס אנדזשעלעס, און נאכדעם וועט זי קענען גיין נארמאל ווי יעדן איינעם. זי וועט נאך קענען לויפן און שפילן, און מיר וועלן איר אפילו דארפן ווארענען נישט צו לויפן צו שנעל...

עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז ווען מ'האט אזא פראבלעם אין די משפחה, באקומט דאס גאנצע לעבן א טיפערן בליק. די מעשים זענען אנדערש, די תפילות זענען אנדערש. מיר האבן געבעטן דעם באשעפער ער זאל אונז העלפן און היילן אונזער טאכטער, און מיר האבן געטון אלעס וואס מ'דארף.

ברוך השם, זי איז דורכגעגאנגען דריי אפעראציעס אין לאס אנדזשעלעס. יעדע אפעראציע האט אויך געהאט א תקופה פון פיזיאטעראפי, און ברוך השם, די פוס האט זיך פארבעסערט פיל שנעלער ווי די דאקטוירים האבן זיך גערעכנט. זיי זענען געווען זייער צופרידן און האבן אונז באשטימט אן אפוינטמענט פאר די פערטע און לעצטע אפעראציע אויף חודש חשון דעם קומענדיגן יאר.

אזוי ווי איך האב שוין געהאט עקספעריענס מיט אלע דאקומענטן, בין איך געגאנגען צום ריכטיגן מענטש ביי די העלט אינשורענס צו באקומען א אויטאריזאציע צו באצאלן פארן אפעראציע. אבער דא זענען די טירן פארהאקט געווארן פאר מיר. "די אפעראציע ווערט נישט געדעקט," האט ער מיר געזאגט.

"וואס הייסט?" האב איך זיך געוואונדערט, "מ'האט שוין באצאלט פאר דריי אפעראציעס, און די לעצטע, דווקא די וואס וועט בס"ד מאכן דאס קינד געזונט- פונקט דאס ווילט איר נישט באצאלן?!"

"איר מוזט פארשטיין," האט ער מסביר געווען, "די אינשורענס איז גרייט צו באצאלן פאר אפעראציעס אינדרויסן פון לאנד ביז א מיליאן שקל. דיין טאכטער האט שוין איבערגעשטיגן דעם סכום, און די אפעראציע קען מען שוין נישט באצאלן פאר איר."

עס איז געווען א געוואלדיגער שאק. מיר האבן שוין מיטגעמאכט אזוי פיל; יעדע אפעראציע האט געפאדערט אז די גאנצע משפחה זאל זיך איבערדרייען - איבערלאזן יעדן אין ירושלים, אפלאזן די ארבעט און די שטוב, פארן קיין חוץ לארץ, זיך דרייען צווישן גוים און זיך ברעכן די ציין מיט א צעבראכענע ענגליש... מיט די גאנצע הילף וואס מיר האבן באקומען פון גוטע ברידער די בעלי חסד מיט די גאלדענע הערצער- איז עס נאך אלץ געווען גאר שווער. און דאס זענען מיר שוין אריבער דריי מאל. יעצט, ביים פערטן און לעצטן מאל, איז צוגעקומען די שווערע צרה פון געלט. א נייע פראבלעם האט זיך געעפנט פאר אונז.

איך בין געלאפן דירעקט צום געזונטהייט-מיניסטעריום, אבער זיי האבן טענה'ט אז די אינשורענס איז גערעכט, און די אנטזאגונג בלייבט אין קראפט. איך האב גערופן עסקנים און געבעטן הילף; זיי זענען געווען איבערצייגט אז די אינשורענס מוז עס דעקן, אבער דאס האט מיר גארנישט געהאלפן למעשה. איך האב זיך פארבינדן מיט א געריכטלעכן לויער, און ער האט מיר צוגעזאגט גרויס: "דו וועסט זען, איך שרייב א שארפן בריוו צום געזונטהייט מיניסטעריום מיט דיינע אלע אינפארמאציע, און זיי וועלן דיר נאך דארפן באצאלן פאר די עמאציאנאלע עגמת נפש פון אויפהאלטן דאס געלט פארן אפעראציע."

ער האט גערעדט אין גרויסן, אבער ווען איך האב אים צוריקגערופן א האלבע שעה שפעטער, האט ער נישט געענטפערט. נאך צוויי שעה - ווידער א שטילקייט. א טאג שפעטער און נאך א טאג, איך רוף אים אן א שיעור מאל אבער קיין ענטפער איז נישטא. אין יענעם מאמענט האב איך מחליט געווען: "גענוג מיט די השתדלות!"

צוויי טעג פאר ראש השנה רופט אונז די סעקרעטארין פון די אינשורענס קאמפעני און זאגט: "פאר אייער טובה וועט כדאי זיין איר זאלט זיך טרעפן מיט א געוויסן פראפעסאר, א מומחה, וואס ער זאל פעסטשטעלן אז איר מוזט האבן די אפעראציע אין חוץ לארץ. אויב ער שרייבט אין א בריוו אז דאס מיידל מוז פליען, וועלן זיי אייך נישט קענען אפזאגן."

ערב ראש השנה, אין אזא אין פארנומענע טאג, בין איך געפארן מיט מיין טאכטער צו יענעם מומחה, וואס האט טאקע אויסגעזען ווי א מומחה אין שוסטעריי... ער האט בלויז א בליק געטאן אויף די דאקומענטן און געזאגט: "איך מען שוין נישט באצאלן פאר איר."

## <<< המשך השגחה עליונה

צוזאמען מיטן רבי'ן איז געווען אין לאגער דער חסיד ר' ליפא בלוי ע"ה פון בודאפעסט. ר' ליפא האט באגלייט דעם רבי'ן די גאנצע צייט און זיך געזארגט פאר אים מיט זיין גאנצע הארץ און נשמה.

איין אינדערפרי איז ר' ליפא צוגעקומען צום רבי'ן און שטילערהייט ארויסגענומען א גאנצע ברויט פון אונטער זיינע קליידער!

"רבי! מיין ווייב האט באוויזן צו פארשאפן צוויי גאנצע ברויטן, און מיר האבן באשלאסן צו געבן איינס פארן רבי'ן אלס א מתנה גמורה!"

א ברויט אין ברגן-בעלזן איז ווערט געווען אן אוצר, ווי א קאסטן מיט גאלד און דיאמאנטן.

דער רבי האט זיך געוואשן און טועם געווען א שטיקל, און דערנאך צוריקגעגעבן די איבעריגע ברויט פאר ר' ליפא, זאגנדיג:

"מיין טייערער ר' ליפא, איך דאנק דיר פון טיפן הארץ פארן ברויט וואס דו האסט מיר געגעבן. אבער איך וויל עס דיר צוריקגעבן, ווייל איך וויל נישט דאגה'ן אויף מארגן. איך וויל נישט פארלירן מיין אמונה אינעם באשעפער חלילה. איך וויל זיך פארלאזן מיטן גאנצן הארץ אז אויך מארגן וועט דער אויבערשטער, וואס איז דער זן ומפרנס לכל, מיר זיכער צושטעלן וואס איך דארף. אויב איך וועל האלטן די ברויט ביי מיר, וויאזוי וועל איך זיך קענען מחזק זיין מיין אמונה?! איך וויל מקיים זיין דעם מגן אברהם וואס ברענגט פונעם זוהר הקדוש, אז מען טאר זיך נישט זארגן אויף מארגן, נאר שטענדיג אויפהייבן די אויגן צום באשעפער מיט אמונה און בטחון!"

פארשטיי נישט פארוואס איר דארפט פליען. דאס איז א פשוט'ע אפעראציע, מען קען עס מאכן דא אין לאנד! רעדט מיט מיין סעקרעטארין און זי וועט אייך גלייך מאכן אן אפוינטמענט...."

ער האט עמטליך אריינגעשריבן דעם דיאגנאז אין די פייל, און מיט דעם באגראבן יעדן שאנס צו באקומען געלט פון די אינשורענס. אן אמת'ער מומחה אין אויסשפילן מענטשן.

איך בין אהיימגעקומען און דערציילט פאר מיין ווייב איבער דעם ביטערן דורכפאל און די שרעקליכע שווינדל וואס זיי האבן אונז דא אפגעטאן. איך האב מורא געהאט פון איר רעאקציע, אבער זי האט זיך ארומגענומען מיט כוחות און מוט, אויסגעשפרייט א ווייסע טישטוך אויפן טיש, און גערופן פאר די קינדער: "ברוך השם, עס איז דא א באשטעטיגונג פאר די אפעראציע. כאטש מיר האבן נאך נישט דעם געשריבענעם צעטל אין די הענט, וועט אלעס זיין גוט בסייעתא דשמיא." אזוי זענען מיר אריינגעגאנגען אינעם נייעם יאר מיט תפילות אז דער אייבערשטער זאל שיקן פאר אונזער טאכטער א רפואה שלימה.

מיר האבן אנגעהויבן לערנען יעדן טאג "שער הבטחון", זיך געשטארקט מיט ברכות און ענטפערן "אמן". און די תפילות? איך קען אפילו נישט אנהייבן צו באשרייבן. מיר האבן געהאט געשמאקע שמועסן מיט'ן רבונו של עולם. מיין פרוי פלעגט זיך איינשפארן אין א צימער, רעדן צום טאטן אין הימל אויף אירע אייגענע ווערטער, אים דאנקען אויף אלעס גוטס, אויף די געזונט, און אויף די פריערדיגע אפעראציעס וואס די אינשורענס האט יא געדעקט. און זי האט מתפלל געווען אז השי"ת זאל אונז אויך יעצט העלפן.

מיר האבן אן אויפהער געדאווענט אז די אינשורענס זאל באצאלן, ביז איינער פון די קינדער האט געפרעגט: "פארוואס דארף מען דווקא בעטן אז די אינשורענס זאל באצאלן? וואס גייט אונז אן ווער עס צאלט? דער אייבערשטער קען דאך באצאלן פאר אן אפעראציע אפילו אן די אינשורענס..."

די ימים טובים זענען אריבער, און דער שפיטאל האט אנגעהויבן שיקן פאדערונגען פאר די באצאלונג. די בילד איז געווען קלאר: אן געלט - איז נישטא קיין אפעראציע!

עס איז מיר בייגעפאלן צו בעטן א הנחה. נאך די גאנצע התחזקות אין אמונה, האב איך געשיקט א טעכנישע בריוו אן קיין דיפלאמאטיע, געבעט, אדער חנופה. איך האב פשוט געשריבן: "טייערער דאקטאר, די דריי אפעראציעס וואס איר האט געמאכט פאר אונזער טאכטער זענען באצאלט געווארן דורך די אינשורענס. יעצט, ביי די לעצטע אפעראציע, ווילן זיי עס נישט אויסצאלן. דעריבער בעט איך א דיסקאונט. יישר כח."

איך האב געשיקט דעם בריוו זונטאג, א וואך און א האלב פארן אפוינטמענט, און באקומען אן אומגלויבליכן ענטפער: דער דאקטאר האט באשטעטיגט א פופציג פראצענט דיסקאונט! עס איז געווען אזא חידוש, אז די סעקרעטארין האט ספעציעל גערופן פרעגן אויב מיר זענען זיינע קרובים... זי ארבעט שוין דארט פערציג יאר און זי האט נאך קיינמאל נישט געזען אזא גרויסע הנחה.

דערמיט האב איך באקומען א סימן מן השמים אז השי"ת הערט צו מיינע תפילות, און ער וועט זיכער שיקן די איבעריגע פופציג פראצענט. מיט די ביסל אפגעשפארטע געלט וואס מיר

<<<



## הרה"צ ר' בערל שנייבאלג שליט"א

## באמונתו יחיה

אין די וואכעדיגע סדרה, פרשת עקב, רעדט מען איבער די מלחמות פון איינעמען ארץ ישראל. דער אייבערשטער זאגט אונז מען זאל נישט מורא האבן פון די אלע גוי'שע פעלקער, און מען זאל געדענקען וואס עס איז געשען מיט פרעה און די מצרים, און די אלע ניסים וואס זענען דארט פארגעקומען. די תורה חזר'ט איבער דריי מאל אז מען דארף נישט מורא האבן פון זיי, ווייל דער בורא כל עולמים וועט שוין "טון די ארבעט".

צוזאמען מיט דעם ווארנט אונז אבער די תורה נישט מלחמה צו האלטן מיט צופיל פעלקער אויפאיינמאל, "פן ירבו עליך חית השדה" - ווייל טאמער יא איז דא א זארג אז די חיות השדה וועלן זיך מערן. רש"י הקדוש ערקלערט אונז שוין גלייך אויפן ארט אז אויב א איד טוט דעם רצון השם, קענען אים די חיות נישט מאכן קיין שאדן. אבער ווען מ'קוקט אויפן פסוק פשוטו כמשמעו, אן די אלע מפרשים, איז עס זייער שווער: קען דען נישט דער באשעפער אליין פארטיליגן אלע פעלקער און אויך מסדר זיין אלע זייטיגע פראבלעמען? פארוואס זאל מען דארפן מורא האבן פון די חיות?! וואס איז דער פשט דערפון?

אין זיין ספר 'קובץ שיחות על התורה', טוט דער לעיקוואדער משגיח, הגאון רבי נתן מאיר וואכטפויגעל זצ"ל, דאס מסביר זיין מיט א הערליכן משל:

ווען דער איידעם פונעם "אלטער" פון קעלם, הגאון רבי צבי הירש ברוידא זצ"ל, איז ארויף קיין ירושלים, האבן אים די ירושלימ'ער אידן געבעטן ער זאל זיי שילדערן די געוואלדיגע מדרגה פון זיין גרויסן שווער. האט ער זיי געענטפערט מיט א משל: דער "אלטער" איז געגליכן צו א רייטער אויף א פערד וואס איז נישט צוגעוואוינט צו רייטן, און דעריבער מוז ער אנהאלטן די לייצעס מיט זיין גאנצן כח און ער טאר נישט מסיח דעת זיין אפילו פאר איין רגע, כדי דאס פערד זאל אים חס ושלום נישט אראפווארפן.

דער "אלטער" האט אנערקענט אז זיין נשמה איז פארבונדן מיט זיין גוף - און דער גוף, וואס איז א שטיק גשמיות, קען יעדע רגע אראפשלעפן די נשמה טיעף אין די גשמיות'דיגע וועלט, פונקט ווי א פערד קען אראפווארפן דעם רייטער צו דער ערד. אויב דאס וואלט חס ושלום פאסירט, וואלט ער פארלוירן אלעס וואס ער האט אויפגעטוהן אין זיין לעבן; דעריבער האט ער נישט מסיח דעת געווען אפילו פאר איין מינוט פון צו קאנטראלירן זיין גשמיות'דיגן חלק. אזוי האט רבי צבי הירש מסביר געווען זיין שווער'ס גדלות.

דער באשעפער בעט נאר איין זאך פון מענטש - ערקלערט דער לעיקוואדער משגיח - און דאס איז יראת שמים. אויב א מענטש קויפט זיך איין די מדה פון יראה, וועט ער זיך פירן פונקט ווי דער אלטער פון קעלם: ער וועט מורא האבן פון די "חיה" וואס געפינט זיך אין אים אליין, און ער וועט זיין פארזיכטיג צו האלטן אים צו האלטן פעסט איינגעשפארט אין זיין שטייג. און אויב, חלילה, ער פאלט יא אדורך, וועט ער גלייך תשובה טוהן און אלעס פאררעכטן. אט דאס איז די "חיה" פאר וועלכע מיר דארפן זיך אזוי שטארק היטן!

מיר מוזן געדענקען אז פרנסה קומט פונעם באשעפער אליינס, און ער אליין שפייזט און באזארגט יעדן איינעם מיט אלע זייערע באדערפענישן. אלעס איז בידי שמים - חוץ פון יראת שמים; דעריבער דארפן מיר זיך בלויז זארגן איבער יראת שמים, און נישט איבער פרנסה. לאמיר דאס גוט אריינעמען אין הארץ, זיך צו שטארק אפהיטן פון די "חיה" וואס וויל אונז שאדן מאכן, אבער אויף פרנסה זיך פארלאזן אויפן באשעפער. און נישט חלילה פארקערט.

האבן געהאט, האבן מיר באצאלט עטליכע טויזנט, און מיר האבן ווייטער געטאן אונזערס, וויסנדיג אז מיר זענען בלויז ווי פאפעטס (בובע'ס) - מיר טוען וואס מיר פארשטייען, אבער נאר דער באשעפער שיקט די ישועה.

איינער פון די שכנים, פאר וועמען איך האב גארנישט דערציילט איבער די אפעראציע, האט איין טאג געקלאפט אין טיר און מיר אנגעבאטן א רענצל וואס ער דארף מער נישט. איך האב דאס געזען אלס א סימן אז בסייעתא דשמיא וועלן מיר פארן און אלעס וועט גיין כשורה. איך האב געגרופן צוויי עסקנים פון לאס אנדזשעלעס, אבער זיי האבן נישט געכאפט די נויט. זיי האבן מיר פארגעשלאגן אז איך זאל קומען ארבעטן אין יענעם געגנט, און אזוי וועל איך האבן צו באצאלן...

דינסטאג, פונקט א וואך פאר די אפעראציע, אויפ'ן וועג צו א גמ"ח, האב איך געטראפן א חבר פון מיינע קינדער-יארן. מיר האבן געכאפט א שמועס, און ער האט מיר געגעבן א נומער פון א גביר פון ניו יארק וואס העלפט אין הוצאות רפואה, און ער האט מיר געזאגט איך זאל בעטן מיין ווייב אז זי זאל לאזן א הארציגע מעסעדזש. מיין ווייב שתחי' האט געזאגט אז זי וועט טאקע לאזן א מעסעדזש, אבער אן קיין הארציגע געבעטע און געיאמער. בעטן? נאר ביים רבונו של עולם! זי האט גערופן דעם נומער און איבערגעלאזט א פשוט'ע מעסעדזש, מסביר געווען אז די טאכטער דארף האבן אן אפעראציע קומענדיגע וואך און מיר האבן נאך נישט קיין געלט, און געבעטן אז ער זאל צוריקרופן.

דאס איז עס. מיר האבן געטאן אונזער השתדלות. איך האב באקומען א גמ"ח וואס האט באשטעטיגט א הלואה נאך רעקאמענדאציעס און ערבים. עס איז אפגעמאכט געווארן אז דאס געלט גייט דירעקט צום שפיטאל. דער גמ"ח האט פארלאנגט א פארזיכערונג אז אויב מיר באקומען נישט קיין נדבה, וועלן מיר נעמען א הלוואה פון באנק אויף צו באצאלן די חובות.

איך האב צוגעזאגט, אבער טיף אין הארצן האב איך געוויסט אז דאס איז נאר כדי צו' צומישן דעם שטן... עס איז מיר געווען קלאר אז דער הייליגער באשעפער וועט אונז שיקן וואס מיר דארפן.

דאס איז עס. מיר זענען ארויסגעפארן אויפ'ן פליגער מיט אונזער טייערער טאכטער, געשטארקט מיט'ן אויסהערן שיעורי אמונה ובטחון, און מיט פילע תפילות. מיר האבן אויפן וועג געזען ניסים העכערן טבע: דער פליגער איז אריינגעפאלן אין א שווערע טורבולענס (א לופט כוואליע וואס ברענגט שווערע וואקלענישן אויפן פליגער) און ארויס בשלום; מיין טאכטער האט באקומען שווערע יסורים, און זיי זענען פארשוואונדן געווארן אזוי ווי זיי זענען געקומען. די גאנצע צייט האב איך געגלייבט אז אלעס וואס פאסירט מיט אונז איז נאר גוט, אז גאט טוט נאר גוטס פאר אונז, און די ניסים האבן זיך באוויזן איינס נאכ'ן אנדערן.

מיר זענען אנגעקומען קיין ניו יארק אויפ'ן וועג צו א קאנעקטינג פלייט, אבער דארט האט אונז אפגעווארט א סטרייק: קיין שום פלייטס זענען נישט געפלויגן! איינער האט אונז מסדר געווען א דירה ממש נעבן לופטפעלד, מיר

זאלן זיך קענען אפרוען עטליכע שעה.

די טעסטס פאר די אפעראציע זענען געווען געסקעדזשולט פאר'ן נעקסטן טאג.

ווארטנדיג, האבן מיר באקומען א טעלעפאן קאל. פון וועמען? פון דער גבאי צדקה פון דעם עושר אין ניו יארק, אט דער ביי וועמען מיין ווייב האט איבערגעלאזט א מעסעדזש אז מיר האבן נישט קיין געלט פארן אפעראציע. ער האט געזאגט אז ער וועט אריבערפירן די גאנצע סומע צום שפיטאל!

מיר זענען געבליבן אין די דירה זיך אויסצורוען פאר ביז'ן נעקסטן טאג. פארטאגס איז שוין געווען א פלייט קיין לאס אנדזשעלעס, און ברוך השם, מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל פונקטליך אין צייט. נאכ'ן לאנדן האב איך באקומען א טעלעפאן קאל פון ארץ ישראל. איך האב שוין לאנג נישט גע'חלומ'ט איבער אזא קאל: "דער געזונטהייט מיניסטעריום האט באשלאסן צו באשטעטיגן די פאנדינג פאר די אפעראציע אין אמעריקע!"

מיר האבן גלייך אפדעיטעד דעם פארשטייער פונעם עושר אין ניו יארק און דעם גמ"ח אין ארץ ישראל. און זאלן די אלע גוטע אידן וואס האבן געוואלט העלפן געבענטשט ווערן פאר זייער גמילת חסד.

מיר זענען ארויס פון די גאנצע מעשה מיט א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר'ן פועל גבורות ובורא רפואות, און מיט אונזער טאכטער אויף צוויי געזונטע פיס, און מיט א שטארקע חיזוק. אונזערע קינדער, וואס האבן מיטגעהאלטן די זארג און אויך זיך מיטגעפרייט מיט אונז ווען די גרויסע ישועה איז געקומען, זענען געווען מורא'דיג איבערראשט, און איינער פון זיי האט געזאגט: "טאטע, מען דארף פארציילן פאר יעדן איינעם אז דאס איז בעסטע: צו זיך פארלאזן אויפן באשעפער!"

און אזוי טו איך טאקע...

## ⁂ א געטרייער שליח ⁂

**א איד פון בני ברק דערציילט:**

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פיר איך א גמ"ח פון צוויט-האנטיגע מעבל. מענטשן ברענגען גוטע מעבל וואס זיי דארפן שוין נישט, און מענטשן וואס דארפן עס קומען עס נעמען. איך בין צופרידן צו זיין אין דעם פלאץ, וואו מען זעט ווי דער באשעפער פירט די וועלט און שטעלט צו פאר יעדן זיינע פונקטליכע באדערפענישן.

איין טאג איז אריינגעקומען א יונגערמאן און זיך אויסגעקליבן א טיש מיט בענקלעך פאר זיין דיינינג רום (סאלאן). זיי זענען געווען אין אין אויסערגעווענליכן צושטאנד, גוט, שטארק און שיין. ער איז געווען ממש ענטוזיאסטיש און געזאגט אז ער וויל עס נעמען. מיר האבן אפגעמאכט אז ער באקומט עס.

די סעקונדע וואס ער איז ארויס, איז א פרוי אריינגעקומען, געזען דעם טיש מיט די בענקלעך, און גלייך געזאגט אז זי וויל עס האבן.

האב איך איר געזאגט: "פונקט א מינוט צוריק איז דא געווען איינער, און איך האב שוין אפגעמאכט מיט אים אז עס גייט צו אים."

די פרוי האט נישט ארויסגעוויזן קיין שום סימנים פון אנטוישונג; פארקערט, זי האט גלייך געזאגט מיט א פעסטע בטחון: "איך גלויב אז אויב דער טיש און די בענקלעך דארפן זיין מיינע, וועלן זיי אנקומען צו מיר אהיים, אויף יענע און יענע גאס!"

נאך א שטיק צייט איז דער יונגערמאן אנגעקומען מיט א טראק און אפגעפירט די מעבל.

צוויי שעה זענען אריבער, און די פרוי קומט צוריק אין גמ"ח, פול מיט וואונדער און התרגשות: "דער באשעפער האט מיר טאקע געשיקט די מעבל! זיי זענען אנגעקומען צו מיר אהיים אויף יענע גאס..."

איך האב זיך געפרייט פאר איר, אבער איך בין געבליבן ערשטוינט. איך האב דאך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען ווי דער יונגערמאן נעמט די מעבל. איך בין געווען זיכער ער טראגט עס צו זיך אינדערהיים. איז עפעס געשען אינמיטן וועג?

האב איך אים גערופן און געפרעגט דערוועגן, האט ער מיר געענטפערט: "ווען איך בין ארויס פון גמ"ח, האב איך נאך געהערט ווי די פרוי זאגט אז זי איז זיכער אז אויב דער באשעפער וויל, וועט ער איר שיקן די מעבל צו איר אהיים. זי האט גערעדט מיט אזא אמונה אז איך האב געפילט אז איך וויל באמת עס זאל פאסירן. האב איך מחליט געווען אויפצוגעבן דערויף, און נישט נאר דאס, נאר איך האב איר נאך געהאלפן און אליינס געברענגט די מעבל צו איר אהיים."

דער יונגערמאן האט געהאט א גרויסן זכות צו זיין א גוטער שליח, א מלאך מיט גוטע מדות, וואס האט געברענגט פאר די פרוי וואס דער באשעפער האט איר געשיקט. זי האט געגלייבט, און זי האט עס גלייך באקומען. ער האט געגלייבט אז דער באשעפער וועט אים אויך שיקן וואס ער דארף, טראץ זיין ויתור, אבער איבער יענעם חלק האב איך נאכנישט געהערט דעם סוף פון די מעשה...

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

בריוון צו די מערכת

**לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע פון 'השגחה פרטית'**

איך וויל אויסדריקן מיין באוואונדערונג פאר אייערע וואונדערבארע קונטרסים, וואס ברענגען חיזוק און אמונה פאר גאנץ כלל ישראל.

איך וועל דערציילן א מעשה וואס איז מיט מיר אליינס געשען, וואס קען אונז אלע מחזק זיין אין מצבים וואס מיר גייען אלע דורך פון צייט צו צייט:

איין טאג האט מיין ווייב גערופן און געבעטן איך זאל איר איינקויפן צוויי זאכן. איך האב געמאכט א אומוועג און געגאנגען אין גראסערי, גענומען די זאכן, און געגאנגען באצאלן. דארט איז מיר שווארץ געווארן פאר די אויגן... צענדליגער איבערגעשטאפטע וועגעלעך האבן געווארט אין שורה.

צום ערשט האב איך געוואלט ארויסגיין און קויפן די זאכן ערגעץ אנדערש. אבער דאן איז מיר איינגעפאלן אז אויב עס איז באשערט פאר מיר צו ווערן אויפגעהאלטן - וועל איך סיי ווי ווערן אויפגעהאלטן, אויב נישט דא, ערגעץ אנדערש. אויב אזוי, וואס מאכט אויס וואו איך שטיי און ווארט... האב איך זיך געשטעלט ביים סוף פון די שורה מיט די צוויי זאכן אין האנט.

איך האב מחליט געווען אז אנשטאט צו זיין אנטוישט און זיך בייזערן, וועל איך שטילערהייט זינגען 'מזמור לתודה'. איך האב געזאגט קאפיטל ק'. עס נעמט בלויז א מינוט, האב איך עס געזאגט נאכאמאל, און נאכאמאל.

ביים פינפטן מאל האט איינער פון די שורה, וואס האט געהאט א פולן וואגן, זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאגט: "דו האסט דאך נאר צוויי זאכן, פארוואס ווארטסטו דא פאר די גאנצע שורה?!"

איך האב טרוקן געענטפערט אז איך גלייך נישט זיך אריינצוכאפן אינמיטן די שורה. ער האט געצויגן מיט די פלייצעס און באשלאסן צו טון למעשה: ער איז געגאנגען צו יעדן אין שורה און געפרעגט אויב איך קען גיין פאר זיי. וויבאלד איך בין נישט געווען דער וואס בעט, האבן אלע העפליך מסכים געווען. און אזוי, נאך עטליכע מינוט, בין איך שוין געווען אינדרויסן פון געשעפט, פול מיט דאנק פאר'ן באשעפער...

זאלן די ווערטער זיין א מקור פון חיזוק פאר אידן, אנצונעמען אלעס מיט געדולד און נאר דאנקען דעם אייבערשטן.

**בברכה מרובה**

**בנימין דיין, בית שמש**

האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.

## נִישְׁט אוּמְזִיסְט

**מָרְדְּכַי פוּן אַשְׁדּוֹד טֵיילְט מִיט, מִיט אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג.**

דָאס יָאר צוּם סֵדֶר נַאכְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן שְׁוָואגֶער, צוּ גַאסְט.



מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב פֶּסַח זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס כַאפְּן דֶעם בָּאס וָואס פִירְט קֵיין חֵיפָה. צוּרִיק צוּ זֵייעֶר הוֹיז.

ווען דֶער בָּאס אִיז גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי, יָאגֶנְדִיג זִיךְ, פַארְגֶעסְן צוּ נֶעמֶען דִי שְׁטְרַיימְל בַּאקְס, מִיטְן שְׁטְרַיימְל דֶערִין, וָואס קָאסְט זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְד!

דֶערְשְׁרָאקְן הָאבְּן זֵיי אוּנְז פְּרָאבִּירְט אָנְרוּפְן, מִיר זָאלְן עֶס לוֹיפְן אָפְּגֶעמֶען פוּן דִי סְטַאנְצְיֶע, אָבֶּער אוּמְזִיסְט. בַּיי אוּנְז אִיז גֶעווען צוּ פְרַייליךְ צוּ הֶערְן דָאס טֶעלֶעפָאן קְלִינְגֶען.

פּוּנְקְט אִין דִי מִינוּטְן, אֲוֶועקְפָּארְנְדִיג הִילְפְלָאז פוּן אַשְׁדּוֹד, ווען מִיר פְּרַאווען זָארְגְלָאז דֶעם יוֹם טוֹב אִינְדֶערְהֵיים, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּגֶעשִׁיקְט אַ אִיד צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע. דֶער אִיד הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט פָארְן קֵיין חֵיפָה. עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַ שְׁטְרַיימְל בַּאקְס אוּן אוֹיךְ גֶעזֶען אַז עֶס הָאט אַ נָאמֶען, מִיט אַ טֶעלֶעפָאן נוּמֶער. עֶר הָאט שְׁנֶעל אַרַיינְגֶעקְלוּנְגֶען, מַיין שְׁוָואגֶער הָאט אִים זָאפָארְט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז דֶער אִיד הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם שְׁטְרַיימְל אוּן אַז עֶר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקַייט עֶס צוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ קֵיין חֵיפָה.

אוּן דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אִיז גֶעווען, אַז פּוּנְקְט אֵיין וָואךְ פָאר יוֹם טוֹב, הָאט מַיין שְׁוָואגֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אַ נָאמֶען אוּן טֶעלֶעפָאן אוֹיפְן בַּאקְס. אוּן אַז אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט זֵייעֶר הִיסְטֶערִישְׁן קְלִינְגֶען. ווייל ווען מִיר ווָאלְטְן גֶעהֶערְט ווָאלְטְן מִיר זִיכֶער עֶס גֶעלָאפְן נֶעמֶען פוּן דִי סְטַאנְצְיֶע, אוּן ווִי ווָאלְטְן מִיר עֶס גֶעשִׁיקְט קֵיין חֵיפָה? אַזוֹי הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּגֶעפִּירְט אַז דֶער אִיד, ווֶעלְכֶער אִיז סַיְּוִוי גֶעווען אוֹיפְן ווֶעג קֵיין חֵיפָה, הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן גֶענוּמֶען, אוּן מַיין שְׁוָואגֶער הָאט עֶס בַּאקוּמֶען נָאךְ אִין דִי נַאכְט.

## פִינֶעף שְׁטָאק אַרָאפּ

**אַבְרָהָמִי קְרִישֶׁבְסְקִי פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

אֵיין טָאג מִיטָאג אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעווארְן פוּן מַיין מַאמֶע אִיר פְּרִיוואטֶע סֶעלְפָאוּן! מִיר הָאבְּן עֶס גֶעזוּכְט אִיבֶּערָאל אוּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. מִיר הָאבְּן פְּרָאבִּירְט סְגוּלוֹת אוּן גֶעדַאווֶנְט אָבֶּער דֶער סֶעלְפָאוּן אִיז נִישְׁטָא!

אוּן אִין דֶעם אַפַּארַאט אִיז אָפְּגֶעהִיטְן טֶעלֶעפָאן נוּמֶערְן אוּן זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע דֶערְמָאנוּנְגֶען.

אַרִיבֶּער אַפָּאר שָׁעָה, פְּלוּצְלוּנְג פַאלְט אֵיין מַיין מַאמֶע'ן זֵייעֶר אַ מָאדְנֶער אֵיינְפַאל.



"דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאךְ הַיינְט גֶעשְׁפִּילְט בַּיים פֶּענְסְטֶער... אֶפְשָׁר הָאבְּן דִי קְלֵיינֶע אוּמְוִוילְנְדִיג עֶס אַרָאפְּגֶעווָארְפְן???"

זִי הָאט אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען עֶפֶּעס שְׁוַוארְץ לִיגְן אוֹיף אַ דַאךְ פוּן אַ שָׁכֵן. עֶס אִיז גֶעווען דֶער סֶעלְפָאוּן ווֶעלְכֶער אִיז גֶעפַאלְן פִינֶעף שְׁטָאק אַרָאפּ! אוּן ווייל עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אַ פְּלֶעסְטִיג דַאךְ הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן!

אוּן אוֹיךְ..... ווייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶס גֶעהִיט הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, אוּן מֶען הָאט עֶס אוֹיךְ גֶעטְרָאפְן.

## נָאר אַ סְטַאנְצְיֶע

**חַיִּים פוּן מוֹדִיעִין עִילִית דֶערְצֵיילְט:**

ווען מֶען אִיז מִיד ווייל מֶען אַיינְשְׁלָאפְן גְלַייךְ ווען מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן. אוּן אוֹיב עֶס פַּאסִירְט נִישְׁט? ווֶערְט מֶען אַבִּיסֶעלֶע נֶערְוֶועז, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אֵייבִּיג אַז עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, רִיכְטִיג?

אָבֶּער אִיךְ ווייס שׁוֹין אַז אֲפִילוּ נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן אִיז אַ גֶעשַׁאנְק פוּן הִימְל, צוּלִיב אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט צוּ מִיר פַּאסִירְט.

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעווען אַלֵיין אִין שְׁטוּב אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטִימְט צוּ מַאכְן אַ סוּרְפְּרַייז פַאר מַיין מַאמֶע. אִיךְ הָאבּ פְלִינְק אוֹיפְגֶערוּימְט דִי הוֹיז, דֶערְנָאךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַייקְרָאוֶועיוואַ



גְרִינְגֶע קוּגְלְ וָואס מִיר מַאכְן אָפְט, עֶס זָאל זַיין גְרֵייט לִכְבוֹד שַׁבָּת.

מִידֶערְהַיט פוּן דִי אַרְבֶּעט בִּין אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט, פַארְגֶעסְנְדִיג פוּן דִי קוּגְלְ וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין מַייקְרָאוֶועיוו...

אָבֶּער, אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט אַיין... אַנְטוֹישְׁט גֵיי אִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט, שְׁפַּאן אַרַיין אִין קָאךְ אוּן ווער דֶערְשְׁרָאקְן. אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיךְ קוּמְט מִיר אַנְטְקֶעגְן. אוֹי! אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן דִי קוּגְלְ! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעכַאפְּט דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע אֵיידֶער דִי בֶּעקֶעלֶע פוּן דִי קוּגְלְ הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן צֶעשְׁמָאלְצְן אוּן ווער ווייסְט וָואס עֶס הָאט דַאן גֶעקֶענְט פַּאסִירְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה. אָבֶּער דֶער עִיקָר לֶערְנוּנְג אִיז גֶעווען אַז אוֹיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן אִיז בַּאגְלֵייט מִיט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט

**הוֹדָעוֹת וּוִויכְּטִיג**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# אַ שָׁלִיחַ פוּן הִימְל

פרק 1
פון 4

פַאמִילְיֶע גַּמְבָּשׁ טֵיילְן אוּנְז מִיט, מִיט זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיכֶע רֶעטוּנְג'ס גֶעשִׁיכְטֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דָאס יָאר, אִין אֵיינֶע פוּן דִי נִיסָן נֶעכְט.





## דו וועסט אויספירן דעם רצון
## פון דער הייליגער צדיק
## פועל ישועות
## רבי שלמק'ה זוועהילער זי"ע

# וואס ווארט שוין
# 80 יאר!!

**דער הייליגער צדיק רבי שלמקה זוועהילער זי"ע**
**האט געבעטן פון זיין מקורב ר' אליהו ראטה ז"ל:**
זיך א נדבן צו גרינדן א כולל השגחה פרטית פון 10 אידן.
**רבי שלומק'ה האט געזאגט:**
"ווער עס טוט אין השגחה פרטית זעט השגחה פרטית"
אבער דעמאלטס איז דאס נאכנישט אויסגעפירט געווארן...

**האט דער צדיק הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א געזאגט:**
"איך האב זיך געוואונדערט ווי אזוי עס קען זיין אז א רצון פון א צדיק איז נישט מקוים געווארן. אבער היינט ווען איך הער פון דעם ארגאניזאציע 'השגחה פרטית', פארשטיי איך אז קיין איין ווארט פון א צדיק גייט נישט פארלוירן."

## יעצט ליגט עס אין דיינע הענט – צו מקיים זיין די הייליגן רצון מיט נאך מער כח און שטארקייט!

**דו קענסט ווערן דער ראש כולל פון כולל השגחה פרטית,**
**און מחזק זיין צענדליגער אידן מיט די ליכט פון השגחה און אמונה שלימה.**

# השגחה פרטית
א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

א באזונדערע שליח וועט בעז"ה ארויפגיין צו זיין ציון הקדוש אויפן הר הזיתים אין ירושלים **און מזכיר זיין דיינע בקשות**

עפן היינט נאך א כולל אין ר' שלומקע'ס וועג!
סובסקרייבט זיך יעצט צו באקומען ביי דיר אין שטוב 10 'השגחה פרטית' גליונות יעדע וואך! רופט יעצט:
**585-308-3293**

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר / דאס האט נישט חשש שמות לגניזה


**איר קענט אויך זיין א שותף אין די גרויסע זיכוי הרבים**
רופט: 845-222-2114 תזכו למצוות.

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**
לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com